קרית ברסלב

שנה ה' נומער 220 אמור · תשפ"ד

שפעקולאציעס:
דא רעדט צו
אייך א זעקס
יעריג קינד

**היכל הקודש
נייעס:**
היכל הקודש
בארא פארק
ציעט זיך אריבער
צו א נייעם לאקאל

**שאלה פונעם
ראש ישיבה:**
מעג איך האבן
א טעלעפאן?

הע הע קוק
אן דעם
ברסלב'ער
חסיד

33

ריזיגע נישטיגע אוצרות

20

געדאנקען:
א יאר פון
ר' מיכאל ז"ל

10

נייעס:
הכנות אויף
ל"ג בעומר
תשפ"ד
הבעל"ט

8

ברויז צו רעדאקציע
קרישקעלע'ר פון יום טוב פסח אין שטעטל חלק ב
4

היכל הקודש נייעס
פרישע לאקאל ביים בית המדרש היכל הקודש בארא פארק
7

אלץ און אלעמען
וואס באדייטן די ליינס אויף די שטאטישע גאסן?
9



מעשיות פון תפילה
געבעטן דעם אייבערשטן עסן פאר מיין קינד
14

פאר די ברסלב'ער שטוב
מעשיות פון תפילה פון די אידישע שטוב
27

קינדער בלעטל
שבועות פארמעסט
40

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייַנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191

חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty

אמור י' אייר תשפ"ד

הדלקת נרות 07:56

מוצאי שבת 09:28

מנחה מעריב בהד.... 09:10

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו
וזוגתו חיה תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה אברהם צוויבל הי"ו
וזוגתו אסתר תחי'

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

וועטער

Fri 17	70°/52°	PM Showers
Sat 18	66°/50°	Showers
Sun 19	69°/52°	AM Showers
Mon 20	70°/52°	AM Showers
Tue 21	66°/50°	Showers
Wed 22	62°/47°	Showers
Thu 23	65°/48°	Partly Cloudy
Fri 24	63°/48°	PM Showers

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן ר"א

קרית ברסלב
קהל היכל הקודש

ברכת תודה

מיר ווילן באדאנקען די אלע חשובע אינגעלייט און בחורים וואס האבן
ארויסגעהאלפן מיט די וויכטיגע וואלן דורכן אוועקגעבן פון זייער טייערע צייט און
כח עס זאל זיין מיט די גרעסטע הצלחה

ר' מתתי' רוטנער נ"י

ר' מנחם שטיינבערג נ"י

ר' אייזיק ראטה נ"י

ר' לייבי ראטה נ"י

ר' יוסי זינגער נ"י

ר' יודי פריינד נ"י

ר' מאטי ראזענבערגער נ"י

ר' אברמי צוויבל נ"י

ר' דוד ניישטיין נ"י

ר' שמואל אייכנשטיין נ"י

ר' אייזיק ראטה נ"י

הב' שמואל מרדכי שטערן נ"י

הב' חיים ישראל אפפעלבוים נ"י

הב' וואלווי זעלקאוויטש נ"י

הב' נפתלי בוים נ"י

הב' בערל שטרול נ"י

קרישקעלעך פון פסח אין שטעטל חלק ב'

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, בעז"ה וויל איך ממשיך זיין מיט די שיינע שיחות, זכרונות און אנעקדאטן פון די הערליכע טעג של קורות רוח וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, דורכאויס די טעג פון פסח, ווי אויך פארדעם און נאכדעם, יישר כח פארן אריינלייגן מיינע שורות..

ביי די קריאה פון די ערשטע טאג פסח ליינט מען דעם פסוק (שמות יב, לו): "וַה' נָתַן אֶת חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרַיִם וַיַּשְׁאִלוּם וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרָיִם", דער ראש ישיבה האט געליינט, און ווען ער איז אנגעקומען צום ווארט "וַיַּשְׁאִלוּם" האט ער דאס שטארק געדרוקט, אזוי מ'זאל כאפן אז ער מיינט עפעס דא צו דרוקן. שפעטער, ווען מען האט אים געפרעגט דערויף האט ער מסביר געווען אז ער האט געמיינט צו דערמאנען וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ב) אז די אידן זענען נישט געווען אינטערעסירט אין די געלט פון די מצריים, אזוי ווי חז"ל זאגן "וישאילום - 'בעל כרחם'", און דער רבי זאגט אז אום יום טוב פסח איז מען מתקן תאוות ממון, זיך באציענדיג אויף דעם חז"ל.

דער ראש ישיבה האט דערביי מחזק געווען אנשי שלומינו זיך צו מאכן א שיעור אין ספר לקוטי מוהר"ן, און צוגעלייגט אז פאר צוואנציג דרייסיג מאל זיך מען זיך נישט רעכענען צו פארשטיין דעם ספר... עס איז א שווערע ספר צו פארשטיין, אבער נאכן דאס לערנען צענדליגער מאל קען מען דאס אנהויבן צו פארשטיין.

דעם צווייטן טאג פסח אינדערפרי ווען איך בין איום טוב צופרי האט דער ראש ישיבה גערעדט פון זיך מער מחזק זיין אין לערנען די בריוון פון עצתו אמונה, דער ראש ישיבה האט גערעדט ווי שטארק ער שטרענגט זיך אן צו שרייבן די בריוון, און ענטפערן די שאלות, און ער ערווארט אז אנשי שלומינו זאלן דאס גרונטליך דורכלערנען און לעבן מיט דעם.

ווי אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט א הערה איבער די קונטרס ליקוט מכתבים וואס איז ארויסגעקומען דורך מכון עצתו אמונה לכבוד פסח, לויט די סדר אותיות הא"ב

מוצאי יום טוב ראשון האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף, נאכן שיעור איז געווען שיינע שמועסן, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה געגעבן א געלעגנהייט צו פרעגן שאלות.

א אינגערמאן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה ווי אזוי מ'געבט זיך אן עצה מיט חול המועד, ווי אזוי מ'עסט דאס... דער ראש ישיבה האט געבעטן אויב ער קען בעסער מסביר זיין די שאלה, האט ער זיך ערקלערט, אויב מ'קען גיין צופרי אין בית המדרש דאווענען און לערנען און בלייבן אין בית המדרש ביז טיף אריין אין טאג, הנאה האבן פונעם חול המועד, און לאזן די ווייב און קינדער זיך אן עצה געבן... האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'קען אביסל העלפן די ווייב און אויך זיין אין בית המדרש, האט דער אינגערמאן געזאגט אז אויב מ'האלט זיך אויף אינדערפרי אין שטוב העלפן מיט די קינדער פארשלעפט זיך עס, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'קען מיטנעמען די קינדער אין שול, און דאדורך העלפן די ווייב.

א צווייטער אינגערמאן האט געפרעגט וואס מ'קען ענטפערן ווען א קינד פרעגט שאלות וואס מ'קען נישט ענטפערן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט וואס הייסט, האט דער אינגערמאן געזאגט, רבי'שע שאלות, האט דער

ראש ישיבה געפרעגט וואס הייסט רבי'ש שאלות, האט דער אינגערמאן געזאגט: "למשל מיין קינד האט מיך געפרעגט אויב דער ראש ישיבה האט רוח הקודש, אדער ווער ס'איז גרעסער, אליהו הנביא אדער ראש ישיבה", האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "מ'זאגט פאר די קינדער וואס מ'האלט באמת, מ'קען נישט זאגן ליגנט און אפנארן קינדער; מיר גייט נישט אן אויב דו האלסט איך האב רוח הקודש אדער נישט, מיר מאכט עס נישט אויס, אבער פאר די קינדער דארף מען זאגן דעם אמת וואס מען האלט".

א אינגערמאן האט זיך אנגערופן, אפשר קען מען זאגן פארן קינד אז מ'קומט נישט צו א צדיק ווייל דער צדיק האט רוח הקודש אדער מדריגות, מ'קומט פאר תורה ותפילה, התחזקות וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז דו האלסט אז מ'קומט פאר דעם און נישט פאר רוח הקודש - זאג דו דאס פאר דיינע קינדער, יעדער זאל זאגן פאר זיינע קינדער וואס ער שפירט, נישט זיי פאפן.

אז מ'האט גערעדט פון נישט זאגן ליגנט און פאפן די קינדער, האט א אינגערמאן געפרעגט, וואס מ'זאל טון אויב מ'האט געזאגט פאר א קליין קינד אז מ'גייט אים ברענגען א באטל און ווען מ'וויל עס געבן שלאפט שוין דאס קינד, אויב דאס הייסט אויסגעפאפט, האט דער ראש ישיבה געזאגט, דעמאלט געב דעם באטל צופרי וכדומה, ס'מוז נישט זיין אויף די מינוט, האט א צווייטער אינגערמאן געפרעגט און אויב דאס קינד פארגעסט אז מ'האט אים עפעס צוגעזאגט...? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "א קינד פארגעסט נישט... ס'קען אויסזען ווי ער פארגעסט אבער א קינד פארגעסט נישט, און מ'טאר נישט זאגן ליגנט פאר קינדער..."

ווען דער ראש ישיבה האט זיך געגרייט ארויסצוגיין פון בית המדרש האט ער געזען ווי א איד וואס איז געווען צוגאסט אויף יום טוב אין שטעטל האט געלערנט מיט זיין אייניקל גמרא, האט דער ראש ישיבה אפירגענומען א ירושלמי מסכת שבת, דאס אויפגעמישט און געוויזן דעם איד וואס די גמרא זאגט דארט (פרק א', הלכה ב'): "קלה היא בעיניך שכל השומע פרשה מן בן בנו כאלו הוא שומעה מהר סיני", דאס גרויסקייט פון לערנען מיט אן אייניקל, אז דאס איז ממש כאילו מען הערט דאס אויפן בארג סיני... דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען ער זעט א זיידע לערנען מיט אן אייניקל ווייזט ער צו דעם גמרא, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ביי לערנען מיט א זון איז דאס אויך אזוי גרויס...

דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט ביי א אינגערמאן ווי אזוי עס איז געווען ערשטע טעג אין ווילידזש, ווער עס זענען געווען די בעלי תפילה, וואספארא ניגונים מ'האט געזינגען, דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויף וואספארא נוסח מ'האט דארט געבענטשט טל, האט דער אינגערמאן געזאגט, אויף א ניגון ענדליך צו די באבוב'ע קל אדון, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אה דו מיינסט נוסח סאטמער... (געמיינט האט דער אינגערמאן דעם שטיקל אנע ווערטער וואס מ'זינגט אלס אן הקדמה צום שטיקל 'למקדשך טוב'... וואס איז אביסל ענליך צו די נוסח טל פון סאטמער).

דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט ווער עס האט געדאווענט מוסף, האט ער געזאגט אז מוסף האט ער געדאווענט, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט מיט וואספארא ניגון ער האט געזינגען "הוא אלקינו" ביי כתר, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז די מעלה פון קלענערע שולן ווי איידער איין גרויסע שול, "ווי וואלט אמאל אזא אינגערמאן אנגעקומען צו דאווענען פארן עמוד אין א גרויסע שול...? אזוי אז ס'איז דא קלענערע שולן האט יעדער אינגערמאן א געלעגנהייט צו דאווענען פארן עמוד..."

המשך יבוא בעזרת השם.

יואל שניצלער, קרית ברסלב

היכל הקודש
נייעס

אומאן

פאספארט און בעטן אלערט

מיט יעדע פארבייגייענדע טאג ווערט די בענקשאפט צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה שטארקער. מען שפירט אין די לופטן דעם רבי'נס רוף "קיינער טאר נישט פעלן", "ראש השנה קען איך יעדעם פארריכטן", אנשי שלומינו ווילן שוין קויפן טיקעטס צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן. "פלעגט איט רייט" איז אין די טעג שטארק פארנומען אויסצוארבעטן די פלענער וואס ווען און וויאזוי מען זאל קענען אנקומען אמבעסטן קיין אומאן הײ יאר.

דאס איז פשוט אז קיין אומאן קומט מען נישט אן סתם דורך קויפן א טיקעט, צוערשט קומט תפילה, וואס אן דעם קען מען דאך גארנישט, אין די קומענדיגע טעג האפן מיר אז מיר וועלן קען מעלדן די פרישע אפדעיטס איבער די נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ה, אבער די קומענדיגע אלערט איז גילטיג אויפן יעצטיגן מאמענט: די פאספארטן.

עס איז שטארק רעקאמענדירט אלע זאלן איבערקוקן די פאספארטן פון זיך און די קינדער און קוקן ווען עס לויפט אפ, ווייל פילע לענדער לאזן נישט אריין מיט א פאספארט וואס לויפט אפ אין ווייניגער פון דריי חדשים, און פילע עירליינס זענען נאך אפילו מער מחמיר, און זיי פארלאנגען א פאספארט וואס איז פעליג אויף א האלבע יאר שפעטער. דאס מיינט אז אפילו אויב די עקספיירעישאן דאטום איז א גאנצע יאר פון יעצט (ביז למספרם אפריל 2025), איז שוין רעקאמענדירט צו באנייען דעם פאספארט.

דער וואס האט נאך נישט קיין פאספארט קען גיין צו איינע פון די הונדערטער לאקאציעס וואו מען קען באשטעלן א נייע פאספארט. עס איז כדאי זיי צו רופן פון פריער, צו וויסן וועלכע דאקומענטן מען דארף צושטעלן, און צי זיי מאכן פאספארט בילדער אויפן פלאץ. אויב דארף מען נאר באנייען א פאספארט, קען מען עס אויך טון דורך די פאסט.

די סטעיט דעפארטמענט זאגט אז עס געדויערט אין די טעג צו פראצעסירן א פאספארט בערך 2 חדשים, און נאך א חודש וואס עס נעמט אנצוקומען און ארויסצושיקן.

אויך איז וויכטיג צו באמערקן בנוגע צאלן פאר די בעט אינעם היכל הקודש בנין; אזוי ווי געוויסע האבן אנגעמערקט אז זיי האבן נישט אויפגעפאסט די דעדליין פון ראש חודש ניסן, האט מען צוליב דעם אפגעשטופט אן איינמאליגע שפעטערע דעדליין, וואס דאס איז קומענדיגן ל"ג בעומר הבעל"ט. **נעמט אין אכט אלע רעזערווירטע שטיבער דארפן זיין אויסגעצאלט "ביז ל"ג בעומר".**

איש בל יעדר

בארא פארק

בית המדרש היכל הקודש בארא פארק ציעט זיך אריבער צו א נייע לאקאל

אין די טעג הערט מען פון היכל הקודש בארא פארק אז מען ציעט זיך אריבער צו א נייע לאקאל, נאכן האבן דעם פלאץ פאר די לעצטע צוויי יאר צום גוטן.

דער יעצטיגער פלאץ איז געווען געדינגען פאר א שטיק צייט, און יעצט האט דער בעל הבית געמאלדן אז ער דארף דעם פלאץ, במילא האט מען נישט געהאט צוויי ברירות, נאר זען וואו מען קען זיך פריש סטאנציאנירן, און פון דארט קענען אריינברענגען א לעכטיגקייט אינעם גאנצן שטאט.

אלע מתפללים האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען טרעפן א גוט פלאץ, א פלאץ וואס וועט קענען זיין אינעם געגנט, גענוג פלאץ, און אזוי ווייטער. ברוך השם אז נאך א שטיק צייט האט מען געטראפן גאר א גוטן פלאץ, וואס האט גאר אסאך מעלות וואס די פריערדיגע פלאץ האט נישט געהאט, עס האט אויך א מקוה אויפן פלאץ, און נאך באקוועמליכקייטן.

פארגאנגענעם וואך איז געווען די לעצטע שבת וואס מען האט געניצט דעם פריערדיגן לאקאל, מוצאי שבת האט מען איינגעשפאנט אלע מתפללים, און מען האט זיך גענומען צו די עבודה פון צאמפאקן אלע חפצים, ווי ספרים, בענק און טישן, און אלעס וואס באלאנגט צום בית המדרש, מען האט עס אריינגעפאקט אין א טראק וואס איז געשטאנען גרייט פאר דעם צוועק, און מען עס האט אריבערגעפירט צום נייעם לאקאל.

דא איז פלאץ ארויסצוברענגען א גרויסן דאנק פאר די חשובע מתפללים וואס האבן ארויסגעהאלפן אויפצובויען דעם פרישן לאקאל וואס האט נאך געדארפט האבן א פרישקייט פאר מען ציעט זיך אריבער. פון אינצווישן אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן האט מען געזען דארט מו"ה דוד דייטש הי"ו, מו"ה זלמן לייב זילבער הי"ו, מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו, מו"ה שמעון גאנצפריעד, און נאך אינגעלייט וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט וואס עס פעלט זיך נאר אויס. עס האט זיך דערקענט די הכרת הטוב וואס אנשי שלומינו האבן פארן הייליגן רבי'ן און זענען גרייט אלעס צו טון וואס מען קען נאר ארויסצוהעלפן דעם רבינ'ס בית המדרש.

די וואך וועט זיין די ערשטע וואך וואס מען וועט ניצן דעם בית המדרש, און צוליב דעם האט מען איינגעלאנדנט דעם חשובן דיין שליט"א פון קרית ברסלב, ער זאל מחזק זיין דעם בית המדרש ביים עפענונג פונעם נייעם לאקאל. אין א בריוו ביים עפענונג פונעם פריערדיגן בית המדרש שרייבט דער ראש ישיבה: איך וויל דיר בעטן אויב איך קען קומען רעדן צו די חברים אין בארא פארק, איך וויל זייער קומען רעדן דארט דעם רבינ'ס ווערטער; אויב איז דא פלאץ - אפשר גאר מאכן פון צייט צו צייט דעם ליל שישי שיעור אין בארא פארק.

איך וויל זייער מחזק זיין דעם בית המדרש, עס זאל זיין א שיין ווינקל, א ליכטיג ווינקל - וואו עס וועט ארויסגיין א ליכט פאר גאנץ בארא פארק. אזוי ווי דו ווייסט דאך וואס טוט זיך היינט, מענטשן זענען אזוי דורשטיג פאר אפאר אמת'ע ווערטער; אביסל חיזוק צו קענען אנגיין מיט'ן טאג טעגליכן געיעג. עד כאן פונעם בריוו.

די אדרעס פונעם נייעם לאקאל איז אויף 55th St, 1415 Brooklyn, NY 11219. דער בית המדרש וועט זיכער זיין א ווינקל וואו ווער עס דארף חיזוק וועט קענען דארט אריינקומען און זיך דערקוויקן פונעם געשמאקן ריינעם קוואל.

איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע פלעקן

הערשל לויפער

פאפולאציע פון אידן איבער די וועלט

אין א באריכט איבער די צאל אידן איבער די וועלט שטייט די צאל אידן ביי 15.7 מיליאן, וואס איז נאך מיט כמעט א מיליאן ווייניגער ווי די געשאצטע 16.6 מיליאן אידן וואס האבן געלעבט אויף דער וועלט אין יאר תרצ"ט הארט פארן צווייטן וועלטס קריג. קוקנדיג אויף די וועלט לענדער איז דא אין ארץ ישראל די גרעסטע צאל אידן מיט 7.1 מיליאן וואס וואוינען דארט (ליידער נישט אלע שומר תורה ומצות). אמעריקע איז די צווייטע מיט 6.3 מיליאן, פראנקרייך איז די דריטע מיט 440 טויזנט, דערנאך שטייט קאנאדע מיט 398 טויזנט, בריטאניע מיט 312 טויזנט, ארגענטינע מיט 171 טויזנט, רוסלאנד מיט 132 טויזנט, 125 טויזנט אין דייטשלאנד, און 117 טויזנט אין אוסטראליע. עס איז וויכטיג צו אנצייכענען אז די סטאטיסטיק רעכנט אויך אריין אידן וואס זענען על פי הלכה נישט קיין אידן, און דערפאר קען זיין אז די ציפער איז פילפאכיג נידריגער

אין ניו יארק אליין טוט מען יעדע 10 יאר ארויסגעבן א באריכט פון די צאל אידן אין די סיטי. דער יעצטיגער באריכט איז צוזאמגעשטעלט געווארן לויט די ציפערן פון אנהייב יאר 2023 למספרם. ניו יארק סיטי איז די שטאט אין אמעריקע מיט די מערסטע אידן, זי פארמאגט איבער 960,000 אידישע איינוואוינער, מיט נאך 412,000 אידן וואס וואוינען אין לאנג איילענד און אין וועסטשעסטער, פון די נאנט צו מיליאן אידן אין די סיטי'ס 5 בארא'ס איז ברוקלין די מערסטע מיט 462,000 אידישע איינוואוינער. די ציפער איז ווייניגער ווי וויפיל אידן די סיטי האט פארמאגט אין יאר 2011 למספרם און בערך די זעלבע ווי די צאל אידן אין דער 1991 און 2002 באריכט פון די צאל אידן, די איינציגע בארא וואס האט יא געזען א אויפשטייג איז ברוקלין.

דאס וועקט אונז אויף אז מיר האבן אסאך ארבעט אריינצוברענגן די אמונה אין די אלע אידן, זיי אויסלערנען אז "דער אייבערשטער איז מיט זיי יעדע מינוט, און וואס זיי דארפן קענען זיי אים בעטן". לאמיר אלע טון וואס מען קען נאר צו צוריק ברענגען נאך א איד צום אייבערשטן. ווען אלע אידן וועלן דאס וויסן קען מען זיך גרייטן אויף משיח צדקינו זאלן אונז קומען אויסלייזן.

ל"ג בעומר תשפ"ד הבעל"ט

נאך א זיצונג צווישן די ארגאניזירער פון דער הילולא פון רשב"י איבער דעם קומענדיגן ל"ג בעומר איז באשלאסן געווארן אז צוליב די פילע אטאקעס פון דער כיזבאללא טעראר גרופע וואס פרובירן צו צילן די מיליטערישע באזע וואס איז נאנט צום ציון, וועט די גאנצע בארג זיין גענצליך אפגעשלאסן, און די גרויסארטיגע הילולא וועט געצוימט ווערן צו בלויז דריי קליינע הדלקות. די גאנצע בארג וועט זיין פארשלאסן פון פרייטאג ביז מאנטאג נאך ל"ג בעומר, ווי אויך וועט נישט ערלויבט ווערן צו פארדינגען קיין צימערן אינעם גאנצן דערפל פאר די פאר טאג, די הדלקות וועלן בלויז קענען ווערן מיטגעהאלטן ווירטואל, און בלויז א באשטימטע צאל באטייליגטע וועלן קענען זיך געפינען אויפן ארט מיט ספעציעלע ערלויבעניש.

דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, די וועג וויאזוי מען קען זיך מקשר זיין צו א צדיק איז דורך לערנען זיין ספר, פניו שכלו ונשמתו פון א צדיק איז בתוך הספר, וואס דאס קען מען טון פון יעדן ווינקל איבער די גאנצע וועלט, קענסט שוין ארויסנעמען דעם ספר זוהר הקדוש און זיך מאכן א שיעור דערין, לייג אריין א סטיקער און לערנען יעדן טאג אפאר שורות, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו אלע ישועות וואס דער צדיק טוט שענקען.

איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

וואס באדייטן די ליינס אויף די שטאטישע גאסן?

שאלה: איך וואונדער מיר וואס מיינט די פארשידענע קאלירן געספרעיטע ליינס אויף די גאסן אין שטאט, נאך מער זע איך אז אפילו ווען מען פעיווט איבער די גאסן, מאכן די ארבעטער זיכער איבערצושרייבן די ליינס. איך וואלט געוואלט וויסן וואס דאס מיינט. ישר כח, נפתלי הירצקא.

די ליניעס וואס זענען ארויפגעספריעט אויף די גאסן זענען בכלל נישט קיינע געהיימע קאודס, איך האף אז איר וועט נישט זיין אנטוישט געוואר צו ווערן אז דער תירוץ אויף דיין שאלה איז בכלל נישט קיין דראמאטישע אויפדעקונג. די ליינס קומען פשוט צו אנדייטן אז דארט אונטער די ערד געפונען זיך "יוטיליטי ליניעס". ווי מיר וועלן באלד אביסל ערקלערן. די קאלירן קומען צו לאזן וויסן וועלכע ליניעס געפונען זיך דארט אונטער די ערד. און וויבאלד זיי זענען פיל מאל זייער וויכטיג, דארף מען זיי תיכף ווידער פארבן, אויב זיי זענען געווארן איבערגעדעקט ווען מען מאכן איבער די גאסן.

אין ניו יארק סידי באדייטן די קאלירן ווי פאלגענד: רויט ווייזט אויף פייער ליינס. דארט אונטער די ערד לויפן די פייפס וואס פירן וואסער צו די פייער היידרעינטס. געל איז פאר געפארפולע זאכן ווי נאטורליכע גאז, און אראנדזש איז פאר קאמיוניקאציע ליניעס, ווי טעלעפאן, פייבער קעיבלס וכדומה. עס זענען דא נאך קאלירן וואס מען זעט צומאל, ווי ווייס וואס די קאנסטראקשען ארבעטער צייכענען אן ווי זיי דארפן גראבן, בלוי, ווי עס לויפן טרונק וואסער פייפס.

די אלע קאלירן וועט מען מער זען אין געגענטער ווי עס קומען פאר קאנסטראקשען, וואס דארף אנדייטן פאר די ארבעטער ווי זיי דארפן זיין פארזיכטיג נישט איבערצורייסן די וויכטיגע ליניעס, וואס אויב מען רייסט זיי איבער קענען זיי אין בעסטן פאל זיין א גרעסערע שאדן, אדער אין ערגסטן פאל קען עס זיין גאר געפארפול, ווי צום ביישפיל אויב מען רייסט איבער א גאז ליניע איז עס א געפאר פון אן ערנסטע אופרייס ח"ו.

פאר אונזערע אויגן זעען די קאלירן אויס ווי סתם זיינע אילוסטראציעס און אבי געקאטשקעטע זאכן אויפן גאס, אבער באמת האט עס א טיפערער באדייט, אונטער דעם געפונען זיך גרויסע אוצרות, פון וואסער, ענערגיע, און קאמיוניקאציע, וואס אויב מען פארבינדט זיך דערמיט, קען מען זייער אסאך נהנה זיין דערפון.

פארוואס האבן צדיקים געלייגט א דגוש אויף דעם און דעם סעיף און שולחן ערוך? צום ביישפיל מיר זעען ווי מוהרא"ש ז"ע האט כסדר גערעדט איבער די גרויסקייט פון מעביר סדרה זיין, און כסדר געחזרט דעם פראקטישן און לכתחילה'דיגן וועג פון אנהייבן פון זונטאג. אדער ער פלעגט אלץ רעדן איבער די וויכטיגקייט פון שלום בית, זאגענדיג אז דאס איז דער יסוד צו קענען זיין אן ערליכער איד. און אזוי ווייטער. אבער דער צדיק איז דער וואס צייכענט אונז אן און ווייזט אונז ווי מיר דארפן ספעציעל זיין געווארענט, דער צדיק זעט וואס טוט זיך אין הימל. די אלע זאכן וואס די צדיקים האבן אונז געזאגט איז ווייל דווקא דארט קענען מיר טרעפן אונזער אוצר. אויב מיר וועלן לערנען יעדן טאג אביסל, רעדן צום אויבערשטן, זאגן אביסל תהלים דאס וועט אונז פארבינדן מיט די גרויסע אוצרות פון רוחניות'דיגע ענערגיע, רוחניות'דיגע אוצרות, און וועט אונז עפענען די קאמיוניקאציע ליניעס מיטן אויבערשטן, און מיר וועלן זוכה זיין צו א גוטע לעבן

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

געדאנקען

משה ארי׳ שניצלער

צוויי סארטן רבי׳ס



אונזער עלטער זיידע, דער ראש משפחתינו, הג״ר שרגא שמואל שניטצלער מ׳טשאבא, זכותו יגן עלינו, איז, ווי באוואוסט, געווען אן איידעם ביי הג״ר שלום גרינפעלד מ׳יארמע זכותו יגן עלינו, הג״ר שלום איז געווען א זון פון הצדיק ר׳ מאיר, וועם מ׳האט גערופן בלשון חבה, ר׳ מאיר מ׳מאדע. דער הייליגער ייטב לב ברענגט פון אים א דבר תורה אין זיין ספר ייטב לב (אין פרשת תולדות, ביים פסוק ״ורבקה שומעת״ שרייבט ער, שמעתי לפרש מפי החסיד רבי מאיר מ׳מאדע זכרונו לברכה).

הג״ר שלום מ׳יארמע איז געווען אן איידעם ביי הצדיק המפורסם רבי מיכאל נאנאשער זכותו יגן עלינו (אויפ׳ן פאמיליע נאמען האט ער געהייסן רבי מיכאל גליקליך, מ׳פלעגט אים רופן אויפ׳ן נאמען פון זיין שטאט, נאנאש).

מוהרא״ש זכותו יגן עלינו ברענגט די באוואוסטע מעשה פון ר׳ מיכאל מיט זיין ברודער ר׳ יוסף (ר׳ יוזפא) זכותם יגן עלינו.

מוהרא״ש ברענגט עס אין אוצר הקונטרסים חלק ל״ב, דף

אונזער עלטער זיידע, הג״ר שרגא שמואל שניטצלער, טשאבא׳ער רב זכרונו לברכה.

שמ"ט (אינעם קונטרס "קנאת סופרים"), אז עס ווערט דערציילט, אז ס'איז געווען צוויי ברודערס, צדיקים, ר' יוסף און ר' מיכאל, זיי זענען געווען מקורב צום הייליגן צדיק ר' אייזיק'ל קאלוב'ער זכותו יגן עלינו, וואס ער איז געווען דער ערשטער וואס האט אריינגעברענגט חסידות אין אונגארן, און מקרב געווען א געוואלד מיט מענטשן צום אייבערשטן, צווישן זיינע תלמידים זענען געווען די צוויי ברודערס, ר' יוסף און ר' מיכאל פון נאנאש. פאר הרה"ק ר' אייזיק'ל איז נסתלק געווארן, האבן זיי אים געפרעגט מיט גרויס תמימות, רבי, צו וועם זאלן מיר גיין נאך אייער הסתלקות? האט ער געזאגט, ווער ס'וועט קענען נעמען אייער נשמה, עס וואשן און אויספוצן, און צוריקגעבן א ריינע נשמה, דאס איז א אמת'דיגע רבי.

זאגט מוהרא"ש דארט, אז ס'איז דא צוויי סארט רבי'ס, ס'איז דא א רבי וואס הייבט אויף אידישע קינדער, דו זאלסט וויסן אז דער אייבערשטער האט א נחת פון יעדע קליינע זאך וואס דו טוסט, אזוי ווי ס'שטייט כי תשא את ראש בני ישראל, (ראש בני ישראל איז ראשי תיבות "רבי") א צדיק הייבט אויף די קאפ פון יעדן אידיש קינד, דו זאלסט וויסן אז דו קענסט יא מצליח זיין, ווייל דו ביסט א קינד פון דעם אייבערשטן אליין. דו קענסט נאך זיין א גרויסער ערליכער איד, קענסט אנהייבן פון יעצט, קענסט טראכטן איך גיי זיין א ערליכער איד פאר פינעף מינוט. עס איז זיכער דא א גוטע זאך וואס איך קען טון "יעצט". כאטשיק גיי איך ארויסזאגן מיינע רצונות, הייליגער באשעפער איך בעט דיך גלייב מיר אז איך וויל זיין גוט, איך האב א גרויסע שווערע ביטערע יצר הרע, הייליגער באשעפער, נאר דו קענסט מיר העלפן.

און ס'איז דא רבי'ס וואס געבן גארנישט, דער חסיד בלייבט אין זיין פינסטערע לעבן, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, רשעים בחושך ידמו, (ראשי תיבות "רבי") רשעים דמיון'ען אין פינסטערניש.

> כ'האב נישט געקענט סתם צאמקלאפן די הענט און גיין ווייטער, כ'האב געפילט אז איך מוז עפעס טון תכלית, איך מוז עפעס טון פאר זיין נשמה.

און ס'איז נישט נאר ביי גרויסע צדיקים און גדולי הדור, יעדער אידיש קינד קען זיך ארײנלייגן אין קאפ, איך גיי מחי' זיין א איד, איך גיי מאכן נאך א איד גלייבן אז ער קען נאך זיין א מוצלח, ער קען נאך זיין סוקסעספול.

זענען טאקע די צוויי הייליגער ברודערס געגאנגען זוכן א רבי, זיי זענען געווען ביי הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשויבער זכותו יגן עלינו, און ביי הרה"ק ר' מאיר פרעמישלאנער זי"ע, דערנאך האבן זיי גענומען דעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע אלץ זייער רבי און מורה דרך.

לעצטע יאר די צייט, ווען כ'האב געהערט די פלוצלונג'דיגע נישט גוטע בשורה אז אונזער באליבטער קאזין ר' מיכאל בן ר' משולם זושא ע"ה איז שבק חיים לכל חי, איז עס געווען א ביטערע בשורה אראפ צו שלינגען, כ'האב נישט געקענט סתם צאמקלאפן די הענט און גיין ווייטער, כ'האב געפילט אז איך מוז עפעס טון תכלית, איך מוז עפעס טון פאר זיין נשמה, אז עס פאסירט אזא טראגעדיע, איז א סימן אז מ'מיינט יעדן איינעם. און בכלל, יעדע פאסירונג אין די וועלט איז א רמז פאר יעדן יחיד, צו איבערטראכטן נאכאמאל, וואס קען איך טון צו ווערן נענטער צום אייבערשטן.

כ'האב זיך פארגענומען צו לערנען משניות לעילוי נשמתו, אויך האב איך געמאכט, לזכותו, א שיעור אין ספר הקדוש קדושת לוי, וואס האט אזוי סאך מלמד זכות געווען אויף אידן, אויך האב איך געמאכט א שיעור אין ספר הקדוש זרע קודש, וואס ר' מיכאל'ס זיידע (וואס ר' מיכאל האט געהייסן נאך דעם גרויסן

צדיק) איז געפארן צו אים. דעם זרע קודש האב איך אנגעהויבן פאראיאר כ"ה ניסן, אין די יארצייט פון זיין גרויסן תלמיד דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו.

כ'האב זיך פארגענומען צו טון אביסל מער אין הפצה, מער פארשפרייטן די עצות פון הייליגן רבי'ן אז יעדער קען רעדן צום אייבערשטן, נישט קיין חילוק וואס איז געווען מיט דיר נעכטן, נישט קיין חילוק וואס איז געווען מיט דיר א מינוט צוריק, דער אייבערשטער הערט אויס יעדן אידיש קינד, איך וועל פרובירן אויפהייבן נאך א איד, יא דו קענסט מצליח זיין! דו קענסט עס מאכן!

איך וועל פרובירן צולייגן א האנט צו מפרסם זיין אויף די וועלט אז ס'איז דא אזא זאך אז א צדיק געבט דיר א נייע ריינע אויסגעוואשענע אויסגעפוצטע נשמה.

איך וועל פרובירן צולייגן א האנט צו מפרסם זיין אויף די וועלט אז דורך משניות

ר' מיכאל קומט אריין צום פאציענט און זאגט אים "ביז צוויי וואכן ביסטו געזונט און שטארק".

באקומט מען א נייע ריינע נשמה, עיין בבאר היטב, אורח חיים, סימן א', (פרוביר עס אויס און זאג מיר אויב דו פילסט נישט נייע כוחות צו קענען בייקומען דיין יצר הרע)

ערשט יעצט האב איך געהערט א פחדים'דיגע מעשה ווי יעדער איינער קען פרובירן אויפהייבן נאך א איד, מחי' זיין א איד, איבערצייגן א איד אז ס'איז נישט דערנאך, ר' מיכאל ע"ה איז געקומען מבקר חולה זיין א חולה מסוכן, וואס מ'האט אים געזאגט אז ער האט בלויז צוויי וואכן צום לעבן, השם ישמרינו, ר' מיכאל קומט אריין צום פאציענט, און זאגט אים כ'האב יעצט גערעדט צום דאקטער, ער זאגט אז ביז צוויי וואכן ביסטו געזונט און שטארק! צוויי וואכן מאקסימום! דער חולה מסוכן האט באקומען א נייע חיות פון די ווערטער, צוביסלעך האט ער אריינגענומען אין קאפ אז ס'איז נישט דערנאך, און ביז געציילטע וואכן איז ער ארויס פון שפיטאל א געזונטער מענטש! דאס הייסט אויפהייבן א איד! מיר דארפן זיך אלע לערנען פון דעם, אויפהייבן נשמות, מחזק זיין יעדן איינעם.

די ערשטע גייען מיר מחזק זיין זיך אליין, איך בין חשוב, איך בין טייער, איך קען מצליח זיין. דער אייבערשטער האט מיך ליב, דער אייבערשטער הערט יעדע ווארט וואס איך רעד צו אים.

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

Insurance Solutions

OUR SERVICES

HOMEOWNERS

RENTERS

TRAVEL

BUSINESS

EMPLOYEE HEALTH

AUTO INSURANCE

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

מעשיות פון תפילה

רפאל יעקב גוטמאן

בני ברק

פרייטאג נאמיטאג 2:45 זע איך אז די עסן פון מיין בעבי גייט זיך ענדיגען און ס'וועט נישט זיין גענוג פאר ביז זונטאג ווען די געשעפטן עפענען צוריק.

ביי אונז אין בראכפעלד גייט אז די געשעפטן פארמאכן פרייטאג צוויי אזייגער און איך זע זיך יעצט 45 מינוט נאך די צייט, ווען 'לכאורה' איז שוין די געשעפט זיכער פארמאכט.

אבער נאר לכאורה וויל תפילה איז שטארקער פון יעדע זאך. איך בין גלייך אראפגעלאפן צום געשעפט, תוך כדי וואס מיינע ליפן שעפשען א תפילה א שטילע "ריבונו של עולם העלף איך זאל האבן עסן פאר מיין בעבי אויף שבת, עשה למען תינוקות שלא טעמו טעם חטא".

איך קום אן אין געשעפט און איך זע אז אלעס איז שוין פאפאקט און די ליכט איז שוין כמעט אינגאנצן פארלאשן. האב איך געפרעגט דעם געשעפטס מאן אויב איך קען קויפן נאר א פושקע עסן פאר מיין בעבי, זאגט ער מיר אוודאי, נאר מאך עס שנעל.

אפילו עס האט נישט געמאכט קיין סענס אז ס'וועט נאך זיין אפן האט דער אייבערשטער צוגעהערט צו מיין תפילה און איך האב באקומען וואס איך האב געדארפט.

יואל משה מייזעלס

וויליאמסבורג

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין EMT טעסט זאל אדורכגיין ביזן סוף, שכח אייבערשטער אז

איך האלט שוין ביים סוף אלעס איז דורך בשעה טובה ומצלחת.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר נאָך צווויי אינגלייט וואס האבן עס געדארפט אדורכגיין און ברוך השם אז זיי זענען עס אויך אדורך.

שכח אייבערשטער פאר די געוואלדיגע חסדים.

פארערכטן, אבער ער האט געזאגט אז ער איז נישט זיכער ער קען עס מאכן אויף היינט. איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נאך היינט ווערן פארראכטן.

שכח אייבערשטער ער האט מסכים געווען דאס צו פאררעכטן דעם זעלבן טאג, און ברוך השם ס'איז געווארן פארראכטן און איך האב נאך געקענט ניצן די קאר נאך יענעם טאג.

שלום שניצלער
קרית ברסלב

מיין אויגן לענסעס האט אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, מיין אויגן האט אנגעהויבן ציפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פארראכטן, ברוך השם עס איז שוין געווארן אסאך בעסער.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען מיטהאלטן ביים ראש ישיבה במשך דעם יום טוב פסח, שכח אייבערשטער.

יודל ווערצבערגער
מאנס

פארגאנגענעם חול המועד האט מיין קאר זיך נישט געוואלט אנצינדן, איך האב גערופן "חברים", זיי האבן געזען עס איז דא א פראבלעם מיטן סטארטער. באשעפער זיסער וואס טו איך דא יעצט? וועלכע מעקעניק איז אפן יעצט? איך וויל ארויסגיין חול המועד האלטן מיט די משפחה.

איך האב געטראפן איין מעקעניק וואס קען מיר דאס

יואל לאנדא
קרית ברסלב

די סליידינג טיר פון מיין קאר האט זיך נישט געוואלט אינגאנצן פארמאכן, איך האב גלייך געכאפט אז דאס איז פשוט א רוף פונעם אייבערשטן איך זאל אים דאנקען פאר אלע חסדים ביז אהער, און בעטן אויף ווייטער.

איך האב נישט געוואלט קיין צו קיין מעקעניק וואס אסאך מאל ווייסן זיי אליין נישט וואס צו פאררעכטן, נאר זיי ווייסן פונקטליך וויאזוי צו ארויסרייסן געלט פונעם אומשילדיגן אינגערמאן וואס מוטשעט זיך מיט זיין צובראכענעם קאר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פאררעכטן אן קיין געלט שאדן, און אן קיין עגמת נפש, הייליגער באשעפעראיך דאנק דיר פאר די פיינע קאר וואס דו האסט מיר געגעבן, העלף מיר עס זאל אויף עפעס א וועג ווערן פארראכטן,

איין טאג האב איך געטראפן א אינגערמאן אין פארנט פון בית המדרש, דער אייבערשטער האט מיר ארייגעשיינט איך זאל אים פרעגן וועגן דעם פראבלעם וואס איך האב מיטן טיר. איך געב אים א פרעג וועגן דעם פראבלעם, און ער געבט זיך א רוף אן "יא איך ווייס דעם פראבלעם איך האב דאס ממש יעצט געהאט ביי מיין קאר". ער גייט צו מיין קאר ער געבט א רוק אהער א רוק אהין און ס'איז פארראכטן ווי גארנישט וואלט געווען.

מֶעג אִיךְ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן?

שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיר גֶעבְּט כְּסֵדֶר, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָשׁ לֶעבְּן אוּן וַוייזְט מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ בִּין 18 יָאר, אוּן אִיךְ גֵיי אִין דִי צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס, אוּן בַּיי אוּנְזֶער סְקוּל אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז אִין דִי צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס הָאט מֶען שׁוֹין אַן אֵייגֶענֶעם טֶעלֶעפָאן, אָבֶער מַיין מַאמֶע ווִיל זֵייעֶר נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן.

דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל מַיין עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפְאוֹן גְלַייךְ נָאךְ אִיר חֲתוּנָה אוּן זִי הָאט מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיךְ טוּן. אִיךְ הָאבּ אִיר פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפְאוֹן נָאר אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן, זִי זָאגְט אָבֶער אַז אַזוֹי הוֹיבְּט יֶעדֶער אָן.

פוּן אֵיין זַייט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן זִי ווִיל נִישְׁט אִיךְ זָאל גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אוּן זִי טַעְנָה'ט אַז עֶס אִיז מִיר נִישְׁט ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶער אַז עֶס אִיז מִיר יָא ווִיכְטִיג, נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ בִּין דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל פוּן מַיין קְלַאס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן. הָאט אִיר אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר מַאמֶע אִיז גֶערֶעכְט, אִיר דַארְפְט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן, אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן; וֶוען אִיר הָאט אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִים; בֶּעטְס זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן אוּן צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אַ מֵיידְל דַארְף מֶען שׁוֹין טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

חַבֶרְ'טֶעס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, חַבֶרְ'טֶעס מַאכְט נִישְׁט בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ; גֶעבְּטְס עֶפֶּעס פַאר אַייעֶר נְשָׁמָה, קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים טְרִינְקְט אָן דִי נְשָׁמָה, עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס טְרִינְקְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים**"; אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת ז:): פַארְוָואס וֶוערְט רוּת אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען רוּת? "**שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּהּ דָּוִד שֶׁרִיוָּה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת**", 'רוּת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טְרִינְקֶען, פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָּוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט אָנְגֶעטְרִינְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל מִיטְ'ן סֵפֶר תְּהִלִים, מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת; דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ טְרִינְק פַאר דִי נְשָׁמָה.

אַייעֶר מַאמֶע וַוארְט צוּ זֶען אַבִּיסְל נַחַת, הָאטְס רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן וֶוען דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר אַז אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס מַאכְן נִישְׁט קַיין נַחַת פַאר אַייעֶר מַאמֶע, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר פָאלְגְט אַייעֶר מַאמֶע; אַז זִי ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט הָאבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר אָנְפִילְן דִי לֶעכֶער פוּן אִיר הַארְץ אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט לֶעבְּן.

חַבֶרְ'טֶעס אִיז אַ דִמְיוֹן; דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן פַאר חַבֶרְ'טֶעס, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן צוּלִיבּ חַבֶרְ'טֶעס - דִי זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת. עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ מַאמֶע אִיז אוּן מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן שׁוּלְד גֶעפִילְן אוֹיף דִי אַלֶע יָארְן וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט חַבֶרְ'טֶעס אוּן זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען אַנְשְׁטָאט דִי מַאמֶע.

אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

אברהם משה שטראססער

דא שרייבט צו אייך א זעקס יעריג קינד

דא שרייבט צו אייך א זעקס יעריג קינד,
מיינע ווערטער קענט איר נישט ליינען ווייל עס איז נישט גע־שריבן מיט טינט.

שלאפט רואיג, איך וויל אייך נישט שטערן,
דערפאר שרייב איך צו אייך נאר מיט בלוט און טרערן.

א מיידל קוים געבוירן,
אבער זייער שנעל האב איך מיין לעבן פארלוירן.
מיינע עלטערן האבן חתונה געהאט פאר קנאפע אכט יאר,
יעדער איז דאן געווען פריילעך ביז גאר.

נאך די חתונה האט זיך ארויס געשטעלט,
מיין מאמע האט געשפירט אז זי זאל גיין מיט א שפיצל איז נאר פארשטעלט.

מיין טאטע נאכן רעדן צו א ערליכע איד,
נישט מאכן קיין עסק, נישט צוברעכן פאר דעם א אידישע שטוב.

די דיפערענצן און קאנפליקטן זענען פארגעקומען צווישן זיי,
אינדרויסן האב איך גארנישט געוויסט נאר פון טייערע טאטע מאמע זיי צוויי.

אזוי זענען דורך שיינע יארן,
זעט אויס אז זאכן זענען נישט אזוי גלאטיג געפארן,
ליידער מיין זיידע האט זיך עס געקענט עפארדן,
א 50 אלפים אראפגעלייגט פאר א פראפעשאנעל די זאך אויס־צוקלארן.

אזוי אינמיטן שפילן מיט מיינע דאלס, קליקס, לעגא'ס און מע־גנעט טיילס,
האט ער געגעבן א סטעיטמענט: "קודם! פאר א קורצע צייט זאלן זיי זיין צעטיילט".
מיין לעבן האט זיך יענע טאג געענדיגט... וואס איז מיין חטא?
ווייל די קורצע צייט ציט זיך נאך ביז יעצט, ווען זיי האלטן שוין נאך א גט.

סיי מיין טאטע סיי מיין מאמע, ביידע ווילן איינער דעם צווייטן
אבער מען קען נישט צוריקגיין, מען גייט אויף סעשאן'ס צו דעם פארדרייטן.
נו ווי אזוי קען ער נעמען 50 אלפים...
סתם אויף צו זאגן ס'איז מסודר גייט אייך אהיים שלאפן...

ער מוז דאך מאכן דערפון א קעיס וואס זאל זיך ציען,
אנדערש וועט ער נישט קענען מעלקן ווייטער זיינע קיען.
באשעפער איך וויין מיט טרערן,
צו וועט נאך פון מיין קליין דערשראקענע מח עפעס ווערן.
מיך פארקויפט פאר מיין זיידע'ס עשירות,
יעצט האט ער שוין נאך א קרבן, איך שפיר עס.

וועגן דעם אז איר מאכט חיזוק יומי און שיעורים,
ווערט נישט דערשראקן פון די וואס פארפירן.
כסדר זאלט דער אייבערשטער געבן כח,
די ווערטער זאלן גרייכן ווייט און הויעך.

עס איז דא טאקע שיינע ווערטער, שיינע חיזוק,
אבער ווער וועט זיך 'פארשעמען' כדי מיינע עלטערן זאלן גיין צוריק.
און אפילו עס וועט חס ושלום צו זיי נישט אנקומען נאך אלעם
אבער עס שטייען אין די רייע הודערטע זעקס יעריגע מיידלעך
וואס זייער לעבן גייט צופאלן.

און איר ווייסט נישט ווי מיט איין 'שורט' די קליינע קליפ'ס,
קען העלפן דאס מיידעלע זיך ווייטער שפילן רואיג מיט אירע דאל'ס און קליק'ס.
שרייט ווייטער! אייערע ווערטער זענען נישט אומזיסט!
אפשר וועט איר כאטש אירע עלטערן ראטעווען פון אריינפאלן צום אזוי גערופענעם טעראפיסט.

אזוי ווי דאס בריוו הייבט זיך טאקע אן,
וועט איר נישט טרעפן די בריוו דא פונעם קליין קינד.
זי קען נאר וויינען, זי קען נישט שרייבן,
מיר האבן געשריבן די בריוו אין איר נאמען,
און אין די נאמען פון די אלע שעפעלעך,
וואס זייער לעבן ווערט פארשניטן,
דורך אזעלכע טערמינען פון: נפש... הילינג... לאוו.. און מי טיים!

א מעשה
פון א צדיק

יוּדָא'לֶע פוּן אוּמַאן

דִי שְׁטָאט אוּמַאן וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט, פְּלֶעגְט זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מִיט אַסַאךְ שׁוּלְן פוּן אַלֶע חַסִידוּת'עֶר, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע שׁוּל פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט נִישְׁט דַוְקָא פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער חֲסִידוּת נָאר אַ שְׁטָאטְ'ס שׁוּל.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ רַבָּנִים הָאבְּן וָואס גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים. צְוִוישְׁן דִי רַבָּנִים אִיז גֶעוֶוען אֵיין רָב מִיט זַיין רֶעבִּיצִין, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף קַיין כַּשְׁרוּת אוּן קוֹים גֶעהִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אָבֶּער זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים.

דֶער רָב הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט זַיין אֵייגְן שׁוּל אִין צֶענְטֶער פוּן שְׁטָאט. גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי אַ בַּת יְחִידָה וָואס אִיז לֵיידֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, זִי אִיז אַזוֹי טִיף גֶעפַאלְן, אַז זִי פְּלֶעגְט נִישְׁט הִיטְן קַיין שַׁבָּת, זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוֹיִים, אוּן גֵיין אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, יוּדָא, מֶען פְּלֶעגְט אִים רוּפְן יוּדָא'לֶע, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, אַן אֱמֶת'עֶר עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר פְּלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, גֵיין אִין מִקְוֶה, נאכדער פְּלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן זִיצְן דָארְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט ווִיאַזוֹי קֶען אַ יוּנְג בָּחוּר זִיצְן אוּן וֵויינֶען אוּן וֵויינֶען פַאר אַזוֹי לַאנְג, פוּן וואוּ נֶעמְט עֶר דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם?

דִי בְּרֶסְלֶ'בְּעֶ מֶענְטְשְׁן פוּן אוּמַאן זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיסֶע אָרִימֶעלַייט, זֵיי הָאבְּן מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, אוּן פוּן וואוּ צוּ פִּיטֶערְן דִי הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער, פְּלֶעגְן זֵיי אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז צוּ הָאבְּן גֶעלְט אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען צוּ קֶענֶען לֵייגְן בְּרוֹיט אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן שְׁפַּייזְן דִי מִשְׁפָּחָה.

דֶער יוּדָא'לֶע, ווִי אַלֶע, פְּלֶעגְט אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְצוּהַאלְטְן צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיין טָאג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּן דֶעם רָב וָואס הָאט קוֹים גֶעהַאלְטְן אִידִישְׁקֵייט, מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין, מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּן אַלֶעם גוּטְן, פִישׁ, פְלֵיישׁ, אוּן אַלֶע מִינֵי עֶסְן וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען.

מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין פָארְשְׁטֶעלְן אוּן אַזַא הוֹיז וֶועלְכֶע פְלֵיישׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן, וֶוער וֵויסְט וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן...

אָבֶּער דֶער יוּנְגֶער יוּדָא'לֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט פוּן אַפָּאר טֶעג נִישְׁט עֶסְן קַיין נָארְמַאלֶע עֶסְן, הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין דֶעם גְרוֹיסְן נִסָּיוֹן אוּן עֶר הָאט יָא גֶעגֶעסְן דָארְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי עֶסְן הָאט נִישְׁט דֶעם בֶּעסְטְן הֶכְשֵׁר.

וואס האט ווייטער פאסירט מיט יודא'לע?

לייגט קומענדיגע וואך אם ירצה השם

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ע"ה

פאַרזעצונג פון פריער:

נאָך שָׁבוּעוֹת האָט דער רֶבּי איין טאָג געדאַווענט זייער פְּרִי, און דערנאָך האָט ער געשיקט זיין טאָכטער שָׂרָה צו גיין רופן איינער פון זיינע מענטשן. ווען ער איז אָנגעקומען האָט אים דער רֶבּי געזאָגט, "קום מיט מיר שְׁפַּאצִירן", און אַזוי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן פון שטאָט און שְׁפַּאצִירט צווישן די גְרָאז. דערנאָך זענען זיי ווייטער געגאַנגען און זענען אָנגעקומען צו אַ באַרג נעבן שטאָט.

דער מענטש האָט געפְרעגט דעם רֶבּי'ן וואָס דאָרט איז, האָט דער רֶבּי אים ערקלערט אַז אינ'ם באַרג איז דאָ דאָרט ווי אַ קליינע הייל, און דערנאָך האָט אים דער רֶבּי געזאָגט, "קום, לאָמיר אַהינגיין!", און זיי זענען טאַקע דאָרט אַריינגעגאַנגען. ווען זיי זענען אָנגעקומען אינעווייניג האָט מען נישט זיי נישט געקענט זען פון אינדרויסן, ווייל דער באַרג איז געווען הויל פון אינעווייניג, און אַבּיסל טיף אַריין אַזוי ווי אַ קליינע הייל.

דער רֶבּי האָט זיך דאָרט אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, ער האָט אַרויסגענומען פון זיין אַרְבַּל אַ סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" [אַ פְּרִיעֶרְדִיגֶע סֵפֶר פון תְּפִלּוֹת, פאַרפאַסט געוואָרן דורך רֶבּי נָתָן נָטַע הַנּוֹבֶר זי"ע ה' יִנְקוֹם דָּמוֹ פון נעמירוב], ער האָט אָנגעהויבן זאָגן, און ער האָט זייער שטאַרק געוויינט, אַזוי האָט ער ווייטער געזאָגט אַ בְּלַאט נאָך אַ בְּלַאט און האָט זייער געוויינט אָן אויפהער. דער מענטש איז געשטאַנען ביי די זייט און געהאַלטן זיין לולְקע ציבעך, און איז געווען זייער איבערגענומען פון די געוויין פון רֶבּי'ן.

זיי האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, און ווען דער רֶבּי האָט אויפגעהערט וויינען האָט ער געזאָגט פאַר דעם מענטש ער זאָל אַרויסגיין קוקן ווי דער טאָג האַלט, דער מענטש איז אַרויסגעגאַנגען און געזען אַז ס'איז שוין שפּעט געוואָרן, די זון הויבט שוין אָן אונטערגיין, אַזוי לאַנג האָבן זיי זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, כְּמְעַט אַ גאַנצע לאַנגע זומער טאָג אָן קיין אָפְּשְׁטעל אינדערמיט.

דערנאָך האָט אים דער רֶבּי געבעטן צו מאַכן פייער, ער האָט פאַררייכערט זיין לולְקע און געזעסן דאָרט אַבּיסל, און דערנאָך זענען זיי אַרויסגעגאַנגען.

דער רֶבּי האָט געזאָגט פאַר יענעם מענטש, "ס'וועט קומען אַ צייט ווען ס'וועט זיין זייער שווער מְקוּרָב צו ווערן צו מִיר, יעצט בין איך אָבער אין אַיערע הענט, און איר מיט ר' יַעֲקֹב יוֹסֵף, אויב ווילט איר, קען איך מאַכן פון אַייך צַדִּיקִים אַזוי ווי מִירו!".

יענעם זומער האָט זיך גאָר שטאַרק צעפלאַקערט די מַחְלוֹקֶת אויפ'ן הייליגן רֶבּי'ן, דער ז' האָט געריידט אַסאַך בִּיטערע זאַכן אויפ'ן רֶבּי'ן, און ער האָט זיך אויפגעטוען אַז ער וועט ברענגען בְּרִיוו פון אַלע באַקאַנטע צַדִּיקִים אַז אַלע זענען מַסְכִּים מיט אים און קריגן זיך אויפ'ן רֶבּי'ן.

לְמַעֲשֶׂה איז אָבער געווען פּונקט פאַרקערט, ס'איז טאַקע אָנגעקומען בְּרִיוו פון אַלע צַדִּיקִים צום רֶבּי'ן, זיי האָבן אָבער אַלע געשריבן מיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט אַז זיי האַלטן פון אים, זיי האָבן געשריבן צום רֶבּי'ן מיט גְרוֹיס כָּבוֹד און לִיבְשַׁאפְט און האָבן אים זייער מְחַזֵּק געווען. פאָלגענד זענען די נעמען פון די צַדִּיקִים וואָס האָבן דעמאָלט געשריבן בְּרִיוו צום רֶבּי'ן אַז זיי האַלטן מיט אים:

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פון באַרדיטשוב זי"ע.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְּדַלְיָה פון ליניץ זי"ע.

זיין פעטער הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פון מעזשיבּוז זי"ע.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי זְאֵב פון טשאַרני-אוסטראָה זי"ע.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קאַליסקער זי"ע.

זיין מְחוּתָּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַרְיֵה לייבוש פון וואָלטשיסק זי"ע.

זיין מְחוּתָּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב פון חמעלניק זי"ע.

וואָס האָט ווייטער פּאַסירט מיט די מַחְלוֹקֶת?

לייענט קומענדיגע וואָך אי"ה

גענומען פון ספר "פֻּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

ריזיגע נישטיגע אוצרות

ישראל דוד העסקעל

ס'שפירט: זיך ווי איך בין אנגעקומען צום יאר 1963, איך קריך ארויף אויף די גאר פארעלטערטע און פארשימלטע פארטש, די בנין פון אינדרויסן פארציילט שוין א געשיכטע אז גאר אסאך וואסער איז שוין אריבער דעם דערנעבנדיגן טייך זינט איינער האט דא אראפגעלייגט א פוס...

נאכן נארוואס אפקויפן דעם אלטן בנין, בין איך אריין צום ערשטן מאל א קוק געבן וואס דארט טוט זיך.

איך גיי נישט לייקענען, די קישקעס האבן זיך מיר געדרייט פאר שרעק, איך שפיר ווי איך גיי דא אריין אין עפעס א שרעקעדיגע פארצייטישע מעשה.

מיט שאקלדיגע הענט כאפ איך אן דעם אלטן ראסטיגן קלאמקע, נאכן שלעפן פיר פינף מאל איז עס מיר געלונגען, איך האב באוויזן צו עפענען דעם אור אלטן אייזערנעם טיר.

אה די גרוך וואס איז מיר אנטקעגן געקומען... די שמעק פון אלטקייט, פון שטויב, פון שימל. ס'האט מיר גענומען

אפאר סעקונדן זיך צו אריענטירן אין דעם ריזיגן אלטן כאטקע.

איך צינד אן מיין פלעשלייט ווייל קיין לעקטער האט דארט נישט געארבעט, איך הייב אן ארומשפאצירן און זיך אומקוקן אויף די ריזיגע קאלעקציע פון אוצרות, וואס קוקט אויס ווי ס'ליגט דארט נאך פון מתושלח'ס צייטן...

פון אנהייב ליגט עפעס א ריזיגע מאשין וואס איז גאר גאר אלט, איך האב נישט קיין מושג וואס דאס איז, אבער איין זאך קען איך זאגן אז מיט דעם האט מען זיך שוין נישט באנוצט כאטשיג זיבעציג יאר!

אריינגייענדיג ווייטער איז געווען דארט אלטע מעבל מיט באקסעס פיל סתם אוצרות פון איינעם וואס געפונט זיך שוין לאנג נישט דא...

גייענדיג ווייטער, באמערק איך א טאוול וואס האט מיר געברענגט צו שמייכלען 'אנטיקן' יא דעם אנטיק טאוול איז יעצט פארוואנדלט געווארן אין אן אנטיק...

אלטע דאקומענטן און צעטלעך, אלטע לאמפן, רענצלעך, בלומען וואזעס, אלטע ניי מאשינען, אסאך רעקארד פלעירס (פאר ווער עס געדענקט נאך וואס דאס איז). נאך גארבידש און נאך גארבידש, אלטע שמאטעס מיט וואס נישט...

דארט ביי די זייט באמערקט איך א פייל פיקטשער פרעימס פון נאבעלע פיגורן - אריסטאקראטישע פרצופים, וואס קוקט אויס האט געטראגן א גרויס חשיבות ביי אים. ביי די זייט ליגט נאך עטליכע פארטרעטן פון עפעס חשובע מענטשן, מסתמא...

ווייטער טיפער פארשטעקט גיי איך דורך אלטע בענקלעך, אלע סארט אלטע טישן וואס קוקן אויס סתם קלעצער האלץ. א גאנצע שאפע מיט אור אלטע פעינט. דארט ביי די זייט אויפן ערד ליגט אן אלטע הייצונג.

איך שלעפט זיך ווייטער אריין טיפער אינעם חורבה, איך באגעגן זיך מיט אלטע קארטאנען פון ווער ווייסט וואס... אן אלטן ראדיא. און געב נאר א קוק וואס ליגט דארט נעבן דעם ראדיא אויפן טיש 'אן אלטן מאגאזין'!

לאמיר זען די נייעס פון 'היינט'... מיט ריזיגע אותיות פראקלאמירט די צייטונג "פרעזידענט קענעדי געשאסן צום טויט"... איך הייב אן אזוי אריינטראכטן וואס ס'האט זיך דעמאלט אפגעשפילט, אמעריקע איז געווען אפגעשטעלט, ס'איז נישט געווען קיין אנדערע נייעס נאר דאס, וואו מ'איז געגאנגען האט מען נאר גערעדט פון דעם, אלע האבן געוואלט וויסן מער פרטים איבער דעם איבערפאל אויפן פרעזידענט.

אוי וועמען אינטערעסירט עס היינט?

שטייענדיג אינעווייניג טיף אין די חורבה דריי איך זיך אויס אויף צוריק און איך באטראכט די אלע זאכן וואס ליגן דארט, ווערדפולע אוצרות וואס טראגן נישט קיין שום ווערד!

ס'איז קענטיג אז דא איז געווען איינער



וואס האט זיך צונויפגעזאמלט יארן יארן אלע זיינע חשובע און ווערדפולע חפצים, ער האט עס גוט גוט אוועקגעלייגט, אלעס שיין פארפאקט, ווייל דינסטאג קומט שוין די קלינינג קאמפאני מיט א ריזן דאמפסטער און אלעס פארט אריין דארט אן קיין רחמנות... ווער דארף די אלע גארבעדש?

ווער ברויך אלע פיקטשער פרעימס פון פיגורן וואס קיינער ווייסט שוין אפילו נישט ווער זיי זענען? ווער דארף די אלטע קארטאנען די שטויביגע לעדערנע רענצלעך? וואס קען איך טון מיט אן אלטע הייצונג וואס ארבעט שוין נישט לכאורה, און מיט א גרויסע גראבע מאשין וואס קיינער קען נישט אויסטרעפן וואס עס טוט בכלל...

אריין אין גארבעדש!

א סקרוך לויפט דורך די ביינער! א מענטש האט זיך יארן אוועקגעלייגט זיינע זאכן, אנגעזאמלט אלע סארט שמאנצעס וואס דעמאלט האט עס אים אויסגעזען ווי אן דעם קען ער נישט... און יעצט?

יעצט קומט א טראק און גייט אלעס אפטראגן אין מיסט אריין!

א פחד א שרעק! וואס בלייבט פון א מענטש. יארן זאמלט ער זיינע חפצים, פאקט שיין אוועק זיינע זאכן, און אזוי מיט אן אויגנבליק קומען אפאר פלינקע ארבעטערס און אלץ פליעט אריין אין מיסט!

דאס איז דאס לעבן פון א מענטש, ס'בלייבט גארנישט! מ'מיינט מ'לייגט זיך אוועק, מ'ארבעט זיך אפ, דאס איז מיין לעדל, דארט איז מיין סטארידזש מיט מיינע ווערדפולע חפצים, פארדעם האב איך זיך אפ געארבעט ימים ושנים, און ביז אפאר מינוט גייט אלעס פארוואנדלט ווערן אין א הויפן שטויב אויפן רוקן פון א גארבעדש טראק!

דער רבי זאגט אויף צווי כיתות פון מענטשן האב איך רחמנות אויף איין כיתה וואס איז נישט געווען מקורב צו מיר, און אויף איין כיתה וואס שוין יא געווען מקורב צו מיר אבער זיי האבן מיר נישט געפאלגט. ווייל ס'וועט קומען א טאג וואס מ'וועט ליגן מיט די פוס צום טיר און דעמאלט וועט מען איינזען אז אויב מ'וואלט געפאלגט מיינע עצות וואלט נישט געווען קיין שום מדרגה אין די וועלט צו וואס איך וואלט אים נישט געקענט צו ברענגען - אבער דעמאלט איז שוין צו שפעט ס'וועט שוין גארנישט נוצן!

פחד פחדים!!!! א מענטש איז פארנומען ארומלויפן, אנדרייען, פירט א מערכה מיט דעם און יענעם, פארשטייט זיך אלעס נאר לשם שמים... ביזי פיקסן די וועלט, פירט סיכסוכים ווייל דער אמת מוז ארויסקומען, אבער ער פארגעסט צו עפענען א גמרא יעדן טאג...

ער איז אויסגעקאכט פונקטליך אין די מסורה ער ווייסט אפילו אז די דרך הלימוד פון רבי'ן איז נישט אזוי פשוט.... אבער דערווייל איז ער נישט מעביר סדרה קיין איין וואך...

באשעפער, באלד גייט מען זיך דערזען מיט די פוס צום טיר וואס גייט מען דעמאלט טון מיט אלע דיינע אוצרות?

יארן פון זיין גערעכט פון פארפירן, פון טרייבן ליצנות, אלעס גייט אין מיסט אריין, קיינער איז שוין נישט אינטערעסירט אין די אלטע פרשיות, קיינער געדענקט שוין נישט די נעמען מיט וועמען מ'האט געפירט מערכות לשם שמים, אלעס ליגט פארשימלט און פארשטויבט, אלעס איז שוין לאנג פארגעסן געווארן און גייט גראד אין מיסט אריין!

וואס קען מען יא ראטעווען פונעם גארבעדש טראק? וואס קען מען יא אוועקלייגן אז ס'זאל עפעס איבערבלייבן פון די פאר יאר וואס א מענטש פארעט זיך בזה העולם?

זיי נישט קיין בטלן כאפ א בלעטעלע גמרא, לאך דיך אויס פון די לצים ווייל דיין בלעטעלע גמרא גייט בלייבן, און יענעמס ליצנות גייט ארויף גיין גראד אויפן גארבידש טראק, וועמען גייט עס אינטערעסירן דעמאלט? ווער גייט בכלל וועלן הערן אז ס'איז נישט אזוי פשוט? ללעג ולקלס וועלן די ליצים זיין!

אנשטאט זיין פארנומען לויפן פון מיטינג צו מיטינג צו קענען האבן א מיטינג וועגן די קומענדיגע מיטינג און וואס וועט זיך אויסשטעלן נאך זיבעציג יאר מיטינגס? אז אלע וויכטיגע מיטינגס זענען געווען אומזיסט! נאך זיבעציג יאר אויסגעקומען אז צום סוף דארף מען סיי ווי צוריקגיין צום אייבערשטן!

אנשטאט נאכלויפן עפעס וואס גייט באלד ליגן אויפן גארבידש טראק וואלט איך געקענט זיצן אינדערהיים און ליינען קריאת שמע מיט די קינדער?

אנשטאט זיך אמפערן מיט די קאמפעטישן וואס באלד גייען ביידע שוין נישט עקזיסטירן, וואלט איך געקענט זיצן אינדערהיים מיט ווייב און בויען א ערליכע שטוב מיט יראת שמים?

דער ראש ישיבה זאגט כסדר נאך וואס מוהרא"ש שרייבט אז די גרעסטע שונא פון א מענטש איז 'צייט', באלד טרעפסטו זיך אויסגעשפילט פון ביידע וועלטן חלילה, פון אלע שעות שעות זיין פארנומען מיט גאר גאר וויכטיגע זאכן וואס ממש ברענט, און מ'קען נישט אן דעם. באלד גייט פון דעם גארנישט בלייבן.

ענדרש לאך דיך אויס פון אלע ליצנות כאפ אריין נאך א פרק משניות נאך אפאר בלאט גמרא זאל יענער קאכן און זיין גערעכט אבער ותשחק ליום אחרון לאכן לאכט דער וואס לאכט לעצט, דער פילט אן זיינע טעג מיטן לערנען די הייליגע תורה, מיטן אויפציען א דור פון קינדער יראי שמים, מיט אויפבויען א געזונטע שטוב, מיט רעדן שיין צו די ווייב, דאס איז אוצרות וואס קיינער וועט דיר קיינמאל נישט קענען צונעמען!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין דא ביים רבי'ן ווי דאס גענצע לעבן איז נאר תכלית, ווי מיר האבן א צדיק וואס וועקט אונז אויף פון שלאף יעדן טאג נאכאמאל און דערמאנט אונז נאכאמאל וואס איז תכלית און וואס איז נצחיות, און אלע שטותים קען מען לאזן פאר א צווייטן!

באשעפער העלף אז מיר זאלן זוכה זיין צו קענען זיין דא ביים רבי'ן, קענען פאלגן דעם רבי'ן, און טאקע קענען זוכה זיין צו ותשחק ליום אחרון - אנקומען צום לעצטן טאג מיט אנגעפילטע הענט, זיך נישט דארפן פון קיינעם שעמען!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!



Deadline to advertise Sunday 12:00 PM

קלאסיפיידס

השבת אבידה: געטראפן אין עטרת אפפעל פארגאנגענעם שושן פורים.
ביטע רופט 646-938-2353



באקסעס גמ"ח: מיר געבן אוועק אייער באקסעס ווען איר דארפט מופן און דאס גלייכן. רופט 347-786-1767

אויב איר האט אווקצוגעבן באקסעס רופט אריין

Private house
Availbile private house to rent for the summer
4 beddroom 2 bath. Call (917) 501-5100

א שיינע איין בעדרום דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אוועליבעל צו דינגען פארן זומער.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

מרה שחורה = רואה שחורה

ח.ה. מינצבערג

שומו שמים האסט איר געזען?
וואס איז איר געשען,
ווי אזוי אנגעטון זי גייט,
אזא אויפגעריסענע קלייד.

אוי מומע רייזי,
אזוי אומבאהאלפערט איז זי,
איר בעיבי וויינט און וויינט,
אז זי איז א באלעבאסטע יעדער מיינט.

די שכנים קלאפן שוין ווידער,
אזעלכע נישט מחונך'דיגע קינדער,
מ'קען ממש ווערן צופלאצט,
מ'דארף זיי אוועק שטעלן אויפן פלאץ.

אוי די שוועגערין זי קלינגט אזויפיל,
אין אזא אומפאסיגע צייט, און געפיל,
אלע ווייסן ס'איז א פאקט, ס'פעלט איר פשוט טאקט.

ווי קען מען זיין אזוי קאלט בלוטיג,
מ'מוז עס מסדר זיין וויכטיג,
אזוי וועט אלעס זיין ריכטיג,
און איך וועל זיין מעכטיג.

דער ראש ישיבה שרייבט גענוי,
די וואס זענען דערביטערט אזוי,
די בעלי מרה שחורה,
זעען אלעס רואה שחורה.
אז מ'וועט א טענדל גיין,
וועט מען אלעס זען פיין.

(עצתו אמונה ד' ניסן פ"ד)

ש.ל. פליישמאן

שרייער אין גראמען

ב' ויקרא תשפ"ד

Therapetic

ווילסט האבן א מח ברייט,
פארנעמען א שמאלע צייט?
ווי מער ווערסט **אמונה** רעדן,
וועלן דיינע מח אדערן זיך spread'ען...

דו ציטערסט פון א קול ביינאכט?
עס איז נאר די האלץ וואס קראכט...
רעד צו דיר אמונה שפראך:
"דער אייבערשטער איז דא און וואכט!"

זאג יעדן טאג די דרייצן אני מאמין,
אה, א גן עדן אלע טעמ'ען!!!
התבודדות איז די בעסטע היילן, (Healing)
פארן באשעפער קענסט אלעס פארציילן.

זאג: "באשעפער איך גיב דיר איבער,
מיינע מחשבות, מעשים און דיבור...
אויפן אמת'ן וועג טו מיר פירן,
דיין אנוועזנהייט זאל איך שפירן"...

ווילסט א פעסטע אמונה אויפבויען,
ווי א בעיבי טוט די מאמע געטרויען?
דורך **תפילה** וועסטו זיך דערהייבן,
צו א אייזן שטארק **גאנצע גלייבן**!!!

מעשיות פון תפילה

מ. קורדובה
ארץ ישראל

מוצאי שבת תזריע האבן מיר זיך דערוויסט אז איראן שיקט אריין גרויסע באמבעס קיין ארץ ישראל.

גלייך האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן עס ס'זאל נאר פאלן אויף די אראבער, און קיין שום איד זאל נישט געשעדיגט ווערן.

שכח אייבערשטער אז שפעטער האט מען טאקע געהערט אז ס'איז געפאלן ביי די אראבישע דערפער.

אויך איז געווען אן אלארם שפעטער ביינאכט ביי אונזער שטאט, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין נאך אלארמס, מיר זאלן קענען שלאפן רוהיג, און שכח אייבערשטער אזוי איז טאקע געווען!

שכח באשעפער פאר אלע גרויסע ניסים וואס דו טוסט מיט אונז!

ח. פערל
ירושלים

מיר האבן א לעפטאפ פאר הפצה צו אהערשטעלן די עצתו אמונה אידיש און לשון קודש, אזוי אויך דער גליון היכל הקודש אידיש און לשון קודש, און נאך גוטע זאכן. לעצטנס מאכט עס אביסל פראבלעמען, עס צינד זיך יא אן, עס צינד זיך נישט אן. איינס פון די וואכן האט זיך עס בשום אופן נישט געוואלט אנצינדן, מען האט פראבירט אויף די וועג און אויף יענע וועג, אבער עס גייט נישט בשום אופן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, העלף עס זאל זיך אנצינדן אז מען זאל קענען ווייטער ארבעטן און אויך אז אלעס וואס מען האט שוין געארבעט זאל נישט גיין לאיבוד.

איך האב צוגעזאגט אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אין קרית ברסלב בלעטל. און שכח אייבערשטער ביז אפאר מינוט האט זיך עס אנגעצינדן און מען האט געקענט ווייטער ארבעטן אויף דעם.

ג. רופינשיין
קרית יואל

איך האב געהאט געליטן יארן צוריק אויף רוקן ווייטאג, מען האט מיר געזאגט אז מען וועט לכאורה דארפן מאכן ביים סוף אן אפעראציע. שכח אייבערשטער עס איז אוועקגעגאנגען נאך א שטיק צייט.

שפעטער ווען איך האב אנגעהויבן הערן שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א, הערן נאך און נאך שיעורים, איז יעדע שפור פון ווייטאג אוועקגעגאנגען פאר א לאנגע צייט האב איך עס נישט געשפירט.

לעצטענס האב איך עס אנגעהויבן צוריק שפירן נאכאמאל, איך האב געפילט ווי איך קען זיך נישט געהעריג רירן. איך האב געבעטן זייער שטארק דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין, און שכח אייבערשטער עס איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן און איך שפיר נישט קיין זכר דערפון.

מיט תפילה קען מען זיך פון אלעס ארויסדרייען, פון אלע פראבלעמען.

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

Avoid the hassle.
Get tested at home.

PRESCRIPTION REFILLS

STREP CULTURES

FLU & COVID/ RSV TESTING

SEASONAL ALLERGIES

EAR EXAMS

RASHES

URINE CULTURES

TELEHEALTH VISITS AVAIL.

Medease

CARE AT HOME

718.208.2030

Info@medease.care

medease.care

בילדער
אפטיילונג

דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל הקודש בארא
פארק - ה׳ אחרי-ב׳ תשפ״ד

תלמוד תורה קרית ברסלב ביי ברכות האילנות
צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט״א

א בליק איבער די נייע הייזער וואס ווערט געבויעט
אויף די שטיגליץ גאס

קרעדיט: דוד דייטש

בוי ארבעט אין די נייע ביהמ״ד היכל הקודש אין בארא פארק

קרעדיט: אהרן שלמה שווארץ

חלוקה ביים בית המדרש היכל הקודש אין סטעטן איילענד

קרעדיט: יוסי פרערויא

דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל הקודש לעיקוואד - ה׳ קדושים תשפ״ד

א שמועס נאכן שיעור דאנערשטאג נאכט אין היכל הקודש לעיקוואד

קרעדיט: יוסי פרערויא

דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויסטיילן
ספר 'אשר היה אל יואל' פאר די נדבנים

קרעדיט: יוסי פרערויא

קרעדיט: נח לוין

א נייע פרוכות אין בית המדרש היכל הקודש אלעד ערב שבת קדושים

קרעדיט: אייזיק ראטה

צוגעשטעלט ווארעמס דורך די גבאי בית המדרש נאכן שיעור ליל ששי, להחזקת בית המדרש.

פאכמאנישע האנטווערק אהערגעשטעלט דורך די טאלאנטפולע "בלעטל קינדער"

מעשה׳לעך פאר קינדערלעך

וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער פוּן אַייךְ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט? וֶוער פוּן אַייךְ אִיז שׁוֹין אַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ צֶעקְלַאפְּט? הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין דִי שְׁנֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ זַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי. אַמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלִיטְשִׁיג, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ גְלִיטְשׁ אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי שְׁנֵיי.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע פְּרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים, זִי הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: ״זֶעסְט? בִּיסְט גֶעפַאלְן וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף פַארְ׳ן זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר!״ אַזוֹי הָאט זִי גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, זִיךְ אָפְּגֶעפִּיצְט פוּן דִי שְׁנֵיי אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אַלְטֶע אִידֶענֶע: ״אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס אִיז גְלִיטְשִׁיג, אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן וַוייל עֶס שְׁנֵייט; וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶער עֶרְד; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אֲפִילוּ מִיר פַאלְן זָאלְן מִיר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער זָאלְן מִיר נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ״.

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז צְוֵויי זַאכְן; אֵיינְס, וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריִקֵייט, מִיר צֶעקְלַאפְּן זִיךְ - זָאלְן מִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דָאס קוּמְט וַוייל מִיר גֵייעֶן צוּם צַדִיק. צְוֵוייטְנְס, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ׳ן לֶעבְּן, טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶע הֶע הֶע, קוּק אָן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד!

דעם רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

ברסלב'ע חידות

ר' בער פון מעדוועדיוועקע איז געקומען וויינען צום רבי'ן אז ער קען נישט אויפשטיין חצות, האט אים דער רבי געזאגט: די חצות וועט זיין

א. אכט אזייגער
ב. דריי אזייגער
ג. א גוטע שלאף
ד. אין כולל

ענטפערס פון פאריגע וואך:

חידה: ד. א צלם אלוקים. **שיחה:** וואס דארף א איד טון אויף דער וועלט? נאר דאווענען און לערנען און דאווענען.

און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

מרדכי מזרחי נ"י – קרית ברסלב

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה – חלק ראשון

ג. בִּרְאוֹתְךָ שִׁנּוּי מַעֲשֶׂה, אַל תֹּאמַר מִקְרֶה הוּא, אֶלָּא תַּאֲמִין כִּי זֶה הַשְׁגָּחַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

וֶוען דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, נָאר זָאלְסְט גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעמַאכְט.

שרייב טישל

טרעף די וועג

אין די ספירה טעג טאר מען נישט מאכן א חתונה.

לאמיר זען אויב דו קענסט טרעפן די וועג צום חתונה (נאך ספירה)...



טרעף די ווערטער

ר	ד	ק	ש	י	ש	מ	ע	י	ד	א
ז	א	נ	ט	ח	ל	נ	מ	ד	ה	ע
ה	ק	כ	ז	ע	ה	צ	ס	י	א	ס
ב	ס	ג	ל	ע	ק	פ	ר	ל	צ	ב
ע	ע	מ	ה	ה	ע	ו	ס	מ	ר	ט
ד	ר	ר	ח	ת	ז	ה	ל	ת	ע	א
ש	פ	מ	י	ח	ט	ו	צ	ו	ש	ש
כ	ש	ד	כ	ב	ח	ח	ק	ח	ה	ש
ל	ת	י	ל	א	ח	כ	ו	ד	ה	י
א	ג	ר	כ	ט	ב	א	ל	ש	ה	ט
ה	ט	ד	ט	פ	ל	ד	נ	ו	ס	ט
ז	ע	צ	ש	ש	ו	נ	ד	ק	ק	ה
מ	נ	י	ו	ע	ב	ה	נ	ת	ח	ו
ר	כ	פ	ר	מ	ח	ו	מ	כ	ב	נ
ב	ק	א	י	מ	ו	ע	א	ע	ל	ח
מ	ב	ז	ר	ר	צ	ו	מ	ע	י	ר
ת	ק	כ	ו	ה	ו	ש	ז	ב	ק	א
ע	ג	ק	ש	ג	ת	מ	ו	ט	ח	נ
נ	ש	ל	ל	ח	ר	ז	ע	ק	ב	ל
ב	כ	א	י	נ	ח	פ	ז	מ	ו	מ
ק	ב	ר	מ	א	ו	י	כ	ב	ש	ל
נ	ת	ד	ז	ג	ז	ע	ט	י	ת	פ
צ	ו	צ	ו	ע	ז	ה	א	ס	ע	ת
ק	ג	ב	ג	מ	ל	פ	ד	ע	ע	ג
נ	ש	ס	ו	כ	ה	ו	ו	ו	ה	כ
ל	ר	ש	ע	ע	נ	ס	ק	ה	צ	ל

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

קליין און שיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

שלום פרידמאן מאנסי
מצילי אש לעשן אויס א פייער

מרדכי פאפנהיים
ירושלים





גאלדי לאקס קרית ברסלב

משפחת וועבערמאן
קרית ברסלב

נתי אפענהיים

נחמן נתן סאמעט



חנה אפפעל
קרית ברסלב

א מעשה פון תפלה



געמאָלן דורך:
רבקה אפפעלדארפער

פארציילט דורך: חי'ע וועבערמאן

געמאָלן דורך:
רבקה וועבערמאן

בלעטל פארמעסט

מאך איין
תפלה
פארדעם
וועט עס גיין
אסאך גרינגער

בלעטל
פארמעסט
שבועות
תשפ"ד

טייערע בלעטל קינדער

עס קומט שוין דער הייליגער יום טוב שבועות אויף דער וועלט!
לאמיר זען וואס דו קענסט אהערשטעלן פאר די מעכטיגע

שבועות פארמעסט!

שטעל אהער סיי וועלכע זאך עס האט צוטון מיט שבועות,
עס קען געמאכט ווערן מיט שפילצייג, עסן, געמאלן אויף א
פאפיר, און ווער ס'קען - קום אויף מיט אן אייגענעם מאטריאל
מיט וואס צו מאכן דיין פראיעקט!

שיק אריין א בילד פון דיין ערליכע האנטווערק צו די מערכת,
און די אלע בילדער וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווערן
אריינגעשטעלט דא ביים בלעטל פארמעסט.

דערנאך וועלן די חשובע קינדער אויסוועלן וועלכער בילד
עס געפעלט זיי די מערסטע, און דער בילד וואס וועט האבן די
מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט!

די בילדער קען מען שיקן צו 845.379.1161 אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

לאמיר זען וואס דו קענסט!